בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן

אִין דֶעם קוּנְטְרֶס וֶוערְט גֶעשִׁילְדֶערְט דִי רַייכֶע יְרוּשָׁה פוּן הִתְחַזְּקוּת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט. אוֹיךְ אַ בְּלִיק וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וִויסְן צוּ וֶועלְכֶער צַדִיק צוּ גֵיין

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

אוֹר לְיוֹם עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, פַּרְשַׁת וַיְחִי, תשע"ד - יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב -קִרְיַת יוֹאֵל יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן

## א.

שְׁטֵייעֶנְדִיג אִין דִי הִילוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַבִּיסְל אַרוּם צוּ רֶעדְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן בַּעַל הִילוּלָא, אוּן פוּן דִי מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פַאר יֶעדְן אִיד בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג.

### אַ חִידוּשׁ פוּן אַ תַּלְמִיד

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ זֶעלְטֶענְהֵייט פוּן אַ תַּלְמִיד, אִין אַלֶע דוֹרוֹת זֶעהט מֶען נִישְׁט אַז אַ תַּלְמִיד זָאל זַיין אַזוֹי גֶעטְרַיי אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ אַ

רֶבִּי׳ן ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: אִיךְ הָאבּ גֶע׳פּוֹעֶל׳ט בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, אַז פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי דֶערְמַאנְט מֶען אוֹיךְ זַיין קִינְד רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי אַבָּא, אוּן וֶוען מֶען אִיז מַזְכִּיר דֶעם אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ אִיז מֶען גְלַייךְ מַזְכִּיר זַיין בַּאגְלֵייבְּטְן תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן וֶוען מֶען רֶעדְט פוּנֶעם בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן חֲסִידוּת רֶעדְט מֶען גְלַייךְ אוֹיךְ פוּנֶעם גְרוֹיסְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ, דִי זֶעלְבֶּע הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זָאל מֶען מִיר אוֹיךְ מַזְכִּיר זַיין; אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע מְקוּיָם גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט רֶבִּי נָתָן גֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג צוּזַאמֶען, אֵייבִּיג וֶוען מֶען רֶעדְט פוּנֶעם רֶבִּי׳ן רֶעדְט מֶען אוֹיךְ פוּן רֶבִּי נָתָן, וַוייל אָן אִים

וָואלְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם הַשָּׂגָה אִין דֶעם רֶבִּי'ן.

## דֶער עִקָּר אִיז הִתְחַזְקוּת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער עִקָּר פוּנֶעם רֶבִּי'ן אִיז נָאר הִתְחַזְקוּת, רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אַן הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן הִתְחַזְקוּת וֶועט זִיךְ הַאלְטְן, אָבֶער אַן הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט פוּן הִתְעוֹרְרוּת וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן, נָאכְדֶעם וֶועט מֶען אַרָאפְּפַאלְן דֶערְפוּן. דֶערְפַאר זֶעהט מֶען ווִי רֶבִּי נָתָן אִיז נָאר מְחַזֵק, אַלֶע בֶּענְדֶער לִקוּטֵי הֲלָכוֹת אִיז פוּל נָאר מִיט הִתְחַזְקוּת, אַוַודַאי אִיז אִינְצְוִוישְׁן אוֹיךְ דָא מוֹרָא'דִיגֶע פֵּרוּשִׁים אוֹיפְן לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אָבֶער דֶער עִקָּר אִיז הִתְחַזְקוּת, מְחַזֵק צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוֹיף

דער וועלט, וואס דאס איז ביים הייליגן רבי נתן געווען וויכטיגער פון אלע פרושים און פון אלע דיוקים.

## פארוואס ליגסטו אזויפיל אין בעט?

גלייך אנהייב לקוטי הלכות (השכמת הבוקר, הלכה א, מיוסד על לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן רפב), רעדט דער הייליגער רבי נתן ברייט ארום ווי שטארק א איד דארף זיך דן זיין לכף זכות, טרעפן אין זיך א נקודה טובה, אנהייבן זעהן אז עס איז נישט אזוי געפערליך ווי ער מיינט, ווייל יעדער איד קען אויף דער וועלט אסאך אויפטון, און טוט אסאך אויף, נאר ער ווייסט נישט ווי חשוב ער איז אין הימל, ווען ער זאל וויסן זיין חשיבות אין הימל וואלט ער נישט ארומגעגאנגען אזוי אנגעבלאזן און מיואש'דיג, צובראכענדיג אלע ארומיגע, פארקערט, ער וואלט געווען אזוי פרייליך אז ער וואלט געזינגען און געטאנצן און אויפגעלעבט

יֶעדְן וֶועם עֶר טְרֶעפְט, אָבֶער וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, לִיגְט עֶר אִין בֶּעט צוּבְּרָאכְן און אָנְגֶעוֵוייטָאגְט פוּל מִיט יֵאוּשׁ, און עֶר הַאלְט אִין אֵיין שְׁלָאפְן, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רכ"ו).

## דִי וַוייבּ דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מְחַזֵק זַיין

דֶערְפַאר אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד זִיךְ נָאר מְחַזֵק צוּ זַיין, און צוּ דֶעם מְחַזֵק זַיין יֶענֶעם אוֹיךְ, דִי עֶרְשְׁטֶע דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין דִי בְּנֵי בַּיִת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו' ע"ב): אִשָּׁה - בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אַ מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין פְרוֹי. וִוי נִישְׁט הָאט זִי קִינְדֶער און זִי טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ אַן עוֹל, זַיי אִיר כָאטְשׁ מְשַׂמֵחַ, לֶעבּ מִיט לִיבְּשַׁאפְט און שָׁלוֹם צוּזַאמֶען, און אַוַודַאי טַעֲנֶה זִיךְ נִישְׁט און קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, רוֹב שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן אַ קְלֵיינֶע טַעֲנָה'רַיי,

חז״ל זאגן (סנהדרין דף ז ע״א): אַ קריגערײ איז ענליך צו אַ קלײן װאסערל װאס רינט, אָבער נאכדעם װערט דערפון אַ גאנצע טײך. מען זעהט נעבעך װי מענטשן קריגן זיך אין שטוב איבער נארישקײטן, נאכדעם װערט דערפון אַ גאנצע ברוגז, ביז מען צוטײלט זיך רחמנא לצלן, יעדער מישט אַרײן זײן משפּחה און עס טוט זיך אַן איבערקערעניש, און װער לײדט פון דעם? די קינדער! פאַרװאס האט דאס בכלל אױסגעפעלט...? װען דו האסט נאר אַביסל שׂכל און דו ביסט מװתּר אין שטוב, דו ענטפערסט נישט אױף יעדע זאך, װאלסטו זיך אַלעס געקענט פאַרשפּאָרן...! אָבער װיבאלד אַ מענטש איז אַזױ צובראכן און דעפּרעסט דאס ברענגט אים צו אַלע צרות רחמנא לצלן.

## מֶען טֵיילְט גֶעלְט אוּמְזִינְסְט...

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָּאר אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ – "דָארְט אוּן דָארְט לִיגְט הוֹיפֶענֶעס מִיט גֶעלְט אוּן מֶען קֶען נֶעמֶען וִויפִיל מֶען ווִיל", וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעלָאפְן אָנְגֶעפוּלְט גַאנְצֶע זֶעק, עֶר וָואלְט נִיטְאַמָאל גֶעהַאט צַייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן עֶסְן וָואלְט עֶר אוֹיךְ גֶענוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ, "אַ קְלֵיינִיקַייט מֶען טֵיילְט גֶעלְט אוּמְזִיסְט..." קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט זַיין חֲשִׁיבוּת אוּן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּהן יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶער מִינוּט, דֶערְפַאר אִיז עֶר צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזֶענְט שְׁטִיקְלֶעךְ, אוּן דִי צַייט אִיז בַּיי אִים אַזוֹי בִּילִיג, קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן עֶר וַוייזְט אַז יֶעדֶע אִיד אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט גוּטְס, אַ אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט (בְּרָכוֹת סח ע"א): עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ אִיד וָואס הָאט נִישְׁט הוּנְדֶערְט מִצְוֹת

יעדן טאג, ווייל יעדע ברכה איז א באזונדערע מצוה; ער דארף נאר אנהייבן צו קוקן אויף די גוטס וואס ער פארמאגט, אנהייבן זיך מחיה צו זיין און פריילך צו זיין מיט די אלע מצות וואס ער האט, דאן וועט "צייט" באקומען ביי אים א נייע ווערד, צייט וועט ביי אים זיין די טייערסטע זאך, און ער וועט אויסנוצן יעדע מינוט.

## אויסגעפולט יעדן טאג

מען האט אמאל געפרעגט רבי נתן: פארוואס האט איר א נאמען געגעבן דעם ספר פונעם רבינ'ס לעבנס געשיכטע "חיי" מוהר"ן - און פאר אייער לעבנס געשיכטע "ימי" נתן [ימי מוהרנ"ת]? האט ער געזאגט: דער הייליגער רבי האט זוכה געווען אז יעדע רגע איז ביי אים געווען מיט א נייע חיות און פרישקייט (חיי מוהר"ן סימן ח; ועיין לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן יח), דעריבער פאסט דער נאמען חיי מוהר"ן, ווייל יעדע מינוט האט

עֶר גֶעלֶעבְּט אַ נַייעֶ לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ דֶעם, אָבֶּער וָואס יָא? - דִי טֶעג הָאבּ אִיךְ גֶעהִיטְן... אִיךְ הָאבּ גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט יֶעדְן טָאג, דֶערְפַאר מַיין סֵפֶר הָאבּ אִיךְ גֶערוּפֶען יְמֵי נָתָן - דִי טֶעג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן.

## הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעהַאט הַשְׁבָּעַת הַקוֹלְמוּס?

בַּיי רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶועְן דֶער עִקָר - הִיטְן דִי צַייט, וֶוען מֶען קוּקְט וִויפִיל רֶבִּי נָתָן הָאט צַאמְגֶעשְׁרִיבֶּן זֶעהט מֶען אַז אִין נָארְמַאלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַזוֹיפִיל צוּ שְׁרַייבְּן, קוֹדֶם אַלֶע סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן בֵּיידֶע חֲלָקִים, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, קִיצּוּר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶערְנָאךְ זַיינֶע סְפָרִים: אַלֶע רִיזִיגֶע בֶּענְדֶער לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף אַלֶע תּוֹרוֹת [וַוייל אַסַאךְ תְּפִלּוֹת זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען],

לִקוּטֵי עֵצוֹת, שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים, יְמֵי מוֹהַרְנַ"ת, עַלִים לִתְרוּפָה, און נָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוֹן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט און עֶס אִיז נִישְׁט גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן. הָאט מֶען אַמָאל גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן צוּ עֶר הָאט גֶעהַאט "הַשְׁבָּעַת הַקוֹלְמוּס"? - עֶס אִיז דָא אַ שֵׁם מִיט וָואס מֶען קֶען בַּאשְׁוֶוערְן דֶעם פֶּעדֶער עֶס זָאל זִיךְ שְׁנֶעל שְׁרַייבְּן (עַיֵן שֵׁם גְדוֹלִים לְהַחִידָ"א, מַעֲרֶכֶת סְפָרִים, אוֹת ש', שֶׁבַּעַל הַשַ"ךְ הָיָה לוֹ הַשְׁבָּעַת הַקוֹלְמוּס), הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֵיין! אֵיי וִויאַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹיפִיל? וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהִיטְן דִי צַייט.

## ב.

### רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב צוּ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן שְׁנַת תק"מ (אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז גֶעבּוֹירְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן תקל"ב), עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן זַייעֶנְדִיג אַלְט

צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, נָאנְט צוּ ראֹשׁ הַשָּׁנָה פוּן תקס״ג, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל מֶער פוּן אַכְט יָאר פַאְרן רֶבִּינְ׳ס הִסְתַּלְּקוּת (י״ח תִּשְׁרֵי תקע״א), רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען בַּיי זַייעֶר אַסַאךְ צַדִּיקִים, צְווִישְׁן זֵיי בַּיים הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט אִים זַייעֶר זַייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר פְלֶעגְט אִים רוּפְן בִּלְשׁוֹן חִבָּה ״מַיין נָתָ׳עֶלֶע״, אוּן עֶר הָאט אִים מוֹרָא׳דִיג בַּאוואוּנְדֶערְט, עֶס אִיז דָא אֲפִילוּ תּוֹרוֹת גֶעדְרוּקְט אִין ״קְדוּשַּׁת לֵוִי״ [נִישְׁט בַּאקַאנְט וֶועלֶעכֶע] וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְכַי קְרֶעמְנִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מִיכְלֶ׳ע זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגֶענְס אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ שְׁלָאפְן אֵיין נַאכְט מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא פוּן אַנִיפָּאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין אֵיין צִימֶער, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט דִי הֵיילִיגֶע

עֲבוֹדָה וָואס עֶר הָאט דַאן צוּגֶעזֶעהן, וִוי אִינְמִיטְן נַאכְט בַּיי חֲצוֹת הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְּן פוּן בֶּעט, אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ בְּרֶען: זוּשָׁא זוּשָׁא שְׁטֵיי שׁוֹין אוֹיף! אוּן אַזוֹי זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטְרָאכְטֶן בַּיינַאכְט, אַזוֹי אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעפָארְן צוּ נָאךְ אַסַאךְ צַדִיקִים אוּן צוּגֶעזֶעהן זֵייעֶר עֲבוֹדָה.

## דֶער רֶבִּי פַארְעֶנְטְפֶערְט זַיין קַשְׁיָא פוּן אַלֶע יָארְן

שְׁטֶענְדִיג אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען דִי קַשְׁיָא: פַארְוָואס קְרִיגְט מֶען אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן? פַארְוָואס דַארְף זַיין אַזוֹיפִיל מַחֲלוֹקֶת צְוִוישְׁן דִי חֲסִידִים אוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים? אִיבֶּערְהוֹיפְּט יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט דִי קַשְׁיָא, אִין דֶעם עֶרְשְׁטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה (תקס"ג) הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ לַאנְגֶע שֵׁיינֶע תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א,

סִימָן ה), הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, נָאר דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה, אַז וֶוען מֶען הֶערְט מַחֲלוֹקֶת צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, מוּסָר׳ט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיט בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וָואס עֶר אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּ דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, דֶערְפַאר מוּז עֶר הֶערְן פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹקֶת צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים, אָבֶער אוֹיבּ הָאט עֶר שֵׂכֶל קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִּיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן, אוּן דַאן בַּאקוּמְט עֶר צוּרִיק זַיין לֶעבְּן אוּן עֶר לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים; אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז מִיר פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן מַיין קַשְׁיָא.

## רֶבִּי נָתָן אַ מוֹרָא׳דִיגֶער לַמְדָן

אִין אֱמֶת׳עֶן אִיז זַייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי תּוֹרָה, וַוייל וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶער לַמְדָן, עֶר הָאט שׁוֹין דַאן גֶעקֶענְט גַאנְץ שַׁ״ס מִיט אַלֶע תּוֹסְפוֹת, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעשְׁמַאק אִין דוּרְכְגֵיין אוֹיף אוֹיסֶעוֶוייניג מִיט נָאךְ פְּלַייסִיגֶע חֲבֵרִים אַלֶע תּוֹסְפוֹת פוּן שַׁ״ס אִין דִי רֵייעֶ, יֶעדֶע קַשְׁיָא מִיט יֶעדֶע תִּירוּץ פוּן תּוֹסְפוֹת.

## דֶער גְרוֹיסֶער שְׁוֶוער פוּן רֶבִּי נָתָן

בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר הָאט אִים גֶענוּמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם דֶער וֶועלְטְס גָאוֹן רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער רָב פוּן שַׁארִיגְרַאד קְרֶעמְנִיץ אוּן מָאהַאלוּב - דְרֵיי רִיזִיגֶע שְׁטֶעט אִין אוּקְרַיינֶע, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

בָּרוּכְ׳ל מֶעזִיבּוּשֶׁער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיף אִים עֵדוּת גֶעזָאגְט אַז וואו עֶר גֵייט נָאר - גֵייט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא מִיט אִים מִיט.

## אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט אִים שְׁטֶענְדִיג נָאךְ

דָאס הָאט פַּאסִירְט אֵיינְמָאל וֶוען מֶען הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי בָּרוּכְ׳ל צוּ זַיין סַנְדָק בַּיי אַ בְּרִית, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען אִינְמִיטְן ווִינְטֶער מִיט גְרוֹיסֶע שְׁנֵייעֶן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען אִין צַייט, מֶען וַוארְט אוּן מֶען וַוארְט אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּךְ אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דָא, בִּיז דֶערְוַוייל רוּקְט זִיךְ דֶער זֵייגֶער אוּן עֶס וֶוערְט שְׁפֶּעטֶער אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין בְּרֵירָה אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי כִּיבּוּד פַאְרן רָב דֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי דָוִד צְבִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיף זַיין שׁוֹיס, אִיז פְּלוּצְלִינְג דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּךְ

אָנְגֶעקוּמֶען, יֶעצְט טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי קִינְד פוּן יֶענֶעמְס שׁוֹיס (שֻׁלְחָן עָרוּךְ, יוֹרֶה דֵּעָה, סִימָן רסה, סְעִיף יא), אוּן וְוִיבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּכְ׳ל הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ "גְבוּרָה דִקְדוּשָׁה" הָאט עֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען פַארְוָואס מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעוַוארְט אוֹיף אִים, אָבֶער עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט: וָואס קֶען אִיךְ טוּהן אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט אִים שְׁטֶענְדִיג נָאךְ.

## אַזַא קְלָארְן שֵׂכֶל הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן

פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארִימֶען אוּן זָאגְן: מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן גָאר שֵׁיינֶע שִׁידוּכִים אָבֶער אֵיינֶעם מִיט אַזַא גְרָאדְן הַאלְז, דָאס הֵייסְט דִי קָאפּ זָאל אִים אַזוֹי לִיגְן אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס, וְוִי רֶבִּי נָתָן - הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְמָאגְט אַ מוֹרָא׳דִיגְן קְלָארְן שֵׂכֶל, אוּן זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים שְׁטֶענְדִיג בַּאוואוּנְדֶערְט.

## זַיין שְׁוֶוער נֶעמְט זִיךְ אָן

אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָואְרן צוּם רֶבִּי׳ן אוּן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שְׁטַארְקֶע מַחֲלוֹקֶת אוֹיף אִים, אַזוֹי וַוייט אַז זַיין אֵייגֶענֶע טַאטֶע הָאט אוֹיפְגֶעהֶעצְט זַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל זִיךְ גֶטְ׳ן פוּן אִים, הָאט זִיךְ דֶער שְׁוֶוער אֵיינְגֶע׳עַקְשֶׁנְ׳ט זִי זָאל דָאס בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט טוּהן, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי טָאכְטֶער: זָאג מִיר אֵיין זַאךְ - זַייט עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָואְרן צוּ דֶעם רֶבִּי׳ן לֶערְנְט עֶר עֶפֶּעס?! הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: טַאטֶע אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דֶעם אֶמֶת אַז בִּיז יֶעצְט הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט מוֹרָא׳דִיג פְּלַייסִיג, אָבֶער זִינְט עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָואְרן צוּ דֶעם רֶבִּי׳ן הֶערְט עֶר נִישְׁט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען. הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: אוֹיבּ אַזוֹי, זָאלְסְטוּ אֲפִילוּ אַקֶערְן מִיט דִי נָאז, אָדֶער גֵיין פַארְקוֹיפְן אַ זַאק זַאלְץ אִין מַארְק כְּדֵי אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען

פַּרְנָסָה, אָבֶּער אִים זָאלְסְטוּ נִישְׁט מוּטְשֶׁענֶען נָאר לָאזְן לֶערְנֶען רוּאִיג.

## בַּיים רֶבִּי׳ן בַּאקוּמְט מֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען

מֶען זֶעהט טַאקֶע אַז וֶוער עֶס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן בַּאקוּמְט אַזַא מִין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז עֶר ווִיל נָאר לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ.

## אָן תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט לֶעבְּן

״אָן תּוֹרָה קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט לֶעבְּן״ - אִיז אַ כְּלַל וָואס מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן, חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרָכוֹת סא ע״ב) אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּערְדֶעם, עֶס הָאט פַּאסִירְט אַמָאל וֶוען דִי רוֹימִישֶׁער רֶעגִירוּנְג הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ גְזֵרָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֵיינְמָאל קוּמְט פַּפּוּס אוּן זֶעהט ווִי רֶבִּי עֲקִיבָא נֶעמְט צַאם אַסַאךְ תַּלְמִידִים, עֶר אִיז זֵיי מְקַרֵב אוּן לֶערְנְט מִיט

זֵיי תּוֹרָה, זָאגְט עֶר אִים מִיט וואוּנְדֶער: וָואס טוּסְטוּ דָא? דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי רוֹימֶער? זֵיי קֶענֶען דִיר דָאךְ הַרְגֶ'ענֶען דֶערְפַאר?! הָאט אִים רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעגֶעבְּן צוּ עֶרְקְלֶערְן מִיט אַ מָשָׁל...

## דוּ הֵייסְט אֶפְשָׁר קְלוּג – אָבֶּער קְלוּג בִּין אִיךְ!

אַמָאל אִיז אַ פוּקְס גֶעגַאנְגֶען נֶעבְּן דֶעם יַם, הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַז דִי פִּישׁ זָאלְן אַרוֹיסְקוּמֶען עֶר זָאל קֶענֶען עֶסְן אוּן מַאכְן מִיט זֵיי אַ תִּיקוּן... הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: קוּמְט אַרוֹיס וֶועלְן מִיר לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם. הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: דוּ הֵייסְט דֶער קְלוּגְסְטֶער חַיָה? דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער טִפֵּשׁ! מַה-דָאךְ אִין וַואסֶער וואוּ מִיר קֶענֶען לֶעבְּן הָאבְּן מִיר מוֹרָא יֶעדֶע רֶגַע אַז מֶען וֶועט אוּנְז אַרוֹיסְכַאפְּן אוּן עֶנְדִיגְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אִינְדְרוֹיסְן וואוּ מִיר קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן הָאבְּן מִיר דָאךְ זִיכֶער

מוֹרָא. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא אוֹיסְגֶעפִּירְט - אוֹיבּ אֲפִילוּ וֶוען מִיר לֶערְנֶען תּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז לֶעבְּן פַּאר אַ מֶענְטְשׁ (דְּבָרִים ל, כ), זָאגְסְטוּ אַז מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן, אִיז דָאךְ אַוַודַאי אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן; וַוייל אָן תּוֹרָה אִיז מֶען אַזוֹי וִוי פִּישׁ אָן וַואסֶער, דִי תּוֹרָה אִיז וַואסֶער פַּאר אַ מֶענְטְשׁ (בָּבָא קַמָּא דַּף פב ע״א), אוּן פּוּנְקְט וִוי אַ פִּישׁ קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָן וַואסֶער אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט לֶעבְּן אָן תּוֹרָה.

## גֵיי אִיךְ צוּ אַ גוּטֶע פְּלַאץ - אָדֶער נִישְׁט?

דֶערְפַאר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף קוּקְן וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ אִיז, צוּ מֶען אִיז דָארְט מְחַזֵק אוֹיף תּוֹרָה, אוֹיבּ לֵייגְט מֶען דֶער עִקַר גֶעוִויכְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה וֵוייס אִיךְ אַז מֶען גֵייט אוֹפֶן אֶמֶתְ׳ען וֶועג, אָבֶּער אוֹיבּ רֶעדְט מֶען סְתָּם פוּן לוּפְט זַאכְן,

אֲפִילוּ פוּן דֶערְהוֹיבֶּענֶע זַאכְן, פוּן טוֹהן עֲבוֹדוֹת, טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען אָדֶער סַיי וָואסְפַּארַא הַנְהָגוֹת, נָאר פוּן פָּשׁוּט לֶערְנֶען תּוֹרָה רֶעדְט מֶען נִישְׁט, דֶעמָאלְטְס אִיז אַלֶעס גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה אִיז תּוֹרַת אֱמֶת, אוֹיסֶער דֶעם אִיז אַלֶעס חֲלוֹמוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת.

## וֶוער אִיז טַאקֶע אַ אֱמֶת'עֶר צַדִיק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עב): פוּן וִוי קֶען מֶען וִויסְן צוּ מֶען אִיז מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶתֶ'ן צַדִיק? אֶפְשֶׁר נַארְט מֶען זִיךְ גוּט אָפּ? מֶען קֶען זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּנַארְן, מֶען גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ אוּן מֶען שָׁאקֶלְט זִיךְ מִיט אַן עֶרְנְסְטְקַייט, מֶען מֵיינְט מֶען וֶועט עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז אַלֶעס לוּפְט זַאכְן אוּן הוֹילֶע דִמְיוֹנוֹת... אוֹיבּ אַזוֹי פוּן וִוי קֶען מֶען טַאקֶע וִויסְן צוּ מֶען אִיז מְקוּרָב צוּ אַ אֱמֶתֶ'ן צַדִיק? נָאר אוֹיבּ פַּאלְט אוֹיף מִיר אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, אִיךְ

הֵייבּ אָן צוּ זֶעהן וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, דֶער צַדִּיק עֶפֶּענְט מִיר אוֹיף דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף מִיר אַלֵיין, וְוִי אַזוֹי אִיךְ קוּק אוֹיס (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סז), אִיךְ מַאךְ מִיר אַ חֶשְׁבּוֹן: הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י? הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת? הָאבּ אִיךְ הַיינְט אוֹיפְגֶעמַאכְט אַ גְמָרָא? הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעמַאכְט אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ? דֶעמָאלְטְס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אַן אֶמֶת'עֶן עֶרְלִיכְן אִיד, אָבֶּער אוֹיבּ הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן גְרוֹיס פוּן זִיךְ, אַז נָאר אִיךְ אוּן נָאכְאַמָאל אִיךְ, אוּן נָאר מַיין חֲבוּרָה, מַיין קְהִלָּה, זֶענֶען מְקוּרָב צוּם אֶמֶת אוּן אַלֶע זֶענֶען אִין שֶׁקֶר... דֶעמָאלְטְס נַארְט מֶען זִיךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן גוּט אָפּ.

# פַארְן שְׁלָאפְן זָאג אוֹיס דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דַיין הַיינְטִיגְן טָאג

אַ אִיד וָואס לֶעבְּט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אִיז זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, דֶערְפַאר יֶעדֶע נַאכְט פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן לֵיינְט מֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִטָה אוּן מֶען זָאגְט וִוידוּי לוֹיט דִי נוּסַח פוּן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ, אוּן מֶען גֵייט דוּרְך דֶעם טָאג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן דֶעם טָאג, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס מוֹחֵל (עַיֵּין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע הֲלָכָה ב). דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, ט): "אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם" - וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן גֶעדֶענְק אִיךְ נָאךְ; הַיינְט גֶעדֶענְק אִיךְ נָאךְ וִויפִיל אַזֵייגֶער אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַגַאנְצֶן

טָאג בִּיז יֶעצְט, דֶערְפַּאר אִיז כְּדַאי צוּ זָאגְן דִי קְרִיאַת שְׁמַע פוּן אֲרִיזַ"ל מִיט דִי ווִידוּי, עֶס נֶעמְט בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג, אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵין פַּרְשַׁת וַיְחִי דַף רכ ע"א), אַז דִי אַמָאלִיגֶע צַדִיקִים פְּלֶעגְן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן אַז הַיינְט אִיז זֵייעֶר לֶעצְטֶער טָאג, דֶערְפַּאר הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גוּטְן חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוֹיף אַלֶעם.

## נִישְׁטָא קֵיין נֶעכְטְן נִישְׁטָא קֵיין מָארְגְן - וָואס יָא? הַיינְט!

אוּן אַזַא מֶענְטְשׁ קוּקְט שׁוֹין גָאר אַנְדֶערְשׁ אָן דֶעם לֶעבְּן, יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג פַאר זִיךְ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אוּן אַוַודַאי זָארְגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק אַ, סִימָן ערב), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים צה, ז):

"הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", אוֹיבּ ווִיל מֶען הֶערְן דִי קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען ווִיסְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אִיךְ דַארְף זֶעהן וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס אִיךְ קֶען אַרוֹיסְכַאפְּן אַבִּיסְל מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג.

## אַ פָּשׁוּט'עֶר טָאג פוּן אַ אִיד אִיז פוּל מִיט גוּטְס

ווֶען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זָאגְט מֶען מוֹדֶה אֲנִי, אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט מִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען נָאךְ אַ טָאג אִין לֶעבְּן, מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין בֵּית הַכִּסֵּא וְכוּ', דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאגְט מֶען בִּרְכַּת הַתּוֹרָה (עַיֵּין נְדָרִים דַף פא ע"א), אוּן מֶען גֶעבְּט אִיבֶּער דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער יֶעדֶע רִיר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, פוּן מִיר אוּן מַיין וַוייבּ, אוּן מַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ', אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן אִינְגַאנְצְן נָאר אַזוֹי

ווִי דוּ ווִילְסְט. וָואס דַאן קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַגַאנְצֶן טָאג ווִי אַזוֹי עֶס אִיז נָאר דוּרְך, מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז אֶפְשֶׁר הָאבּ אִיך נִישְׁט גֶענוּג גֶעטוּהְן וָואס מֶען דַארְף, ווַייל מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין פַארְדֶעם אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אַז נָאר עֶר זָאל פִירְן דֶעם טָאג ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ב). דֶערְנָאךְ מַאכְט מֶען זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע לֶערְנֶען (עַיֵּין בַּאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף קָטָן ו, בְּשֵׁם הָאֲרִ"י הַקָדוֹשׁ), גְלַייךְ לוֹפְט מֶען אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ן, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען נִזְהָר צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אוֹיךְ אִיז מֶען מַקְפִּיד צוּ הָאבְּן קְבִיעוּת עִתִּים לַתּוֹרָה, אוּן אֲפִילוּ אַז מֶען אַרְבֶּעט גַנְבֶ'עט מֶען זִיךְ אַרָאפּ צַייט אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ שִׁעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס דֶעמָאלְטְס גֵייט שׁוֹין דִי גַאנְצֶע טָאג אַנְדֶערְשׁ, דָאס הֵייסְט גֶעלֶעבְּט מִיט חֶשְׁבּוֹן,

און דֶעמָאלְטְס וֵוייס אִיךְ אַז מֶען הָאט מִיר נִישְׁט אָפְּגֶעגַנאַרְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט, אָבֶּער אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה און מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵים דִי פָּשׁוּטֶ'ע מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה, מֶען אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע מִינֵי זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ עֲבוֹדוֹת מִיט עִנְיָנִים, נָאר נִישְׁט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, און פָּשׁוּט אִידִישְׁקַייט, דַאן אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל מֶען קֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּנַארְן מֶענְטְשְׁן און אַיינְרֶעדְן אַלֶע מִינֵי נַארִישְׁקַייטְן, און וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶעוָוארְנְט, אַז דֶער וֶועלְט נַארְט אַייךְ - אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְנַארְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא).

## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בִּין אִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף ח

ע״א): אַ מענטש דאַרף דורכגײן די סדרה יעדע וואָך, צװײ מאָל דעם פּסוק און אײנמאָל תּרגום. אָבער אַז מען לאָזט דאָס אויף פרײטאָג (עַיֵּן בְּבְאֵר הֵיטֵב וּבְשַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף א, בְּשֵׁם הָאֲרִיזַ״ל), קען מען דאָס געװענטליך נישט באַװײזן... דעריבער איז די בעסטע זאַך אַז מען זאָל מעביר סדרה זײן שוין גלײך פון זונטאָג, אַזױ װי די הלכה איז (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג; וְעַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה שָׁם), אַזױ קען מען במשך די גאַנצע װאָך רואיגערהײט מעביר סדרה זײן, און ביז פרײטיג איז מען ברוך השם פערטיג די גאַנצע סדרה, און יעדן טאָג איז צוגעבינדן צו אַ פּרשה פון די תּורה (עַיֵּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת הַתּוֹרָה הֲלָכָה ו), דער הײליגער בעל התּניא זכותו יגן עלינו האָט נאָכגעזאָגט פונעם גרויסן מגיד װאָס ער האָט געהערט פון בעל שם טוב הקדוש ״אַז מען דאַרף לעבן מיט די צײט״, האָט ער מסביר געװען דאָס מײנט אַז מען דאַרף לעבן מיט די חומש

רַשִׁ״י פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה. אוּן אַז מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַ חֵלֶק פוּן דִי סֶדְרָה, אִיז מֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ צוּ לֶערְנֶען דִי רַשִׁ״י, אוּן אַזוֹי לֶעבְּט מֶען מִיט דִי סֶדְרָה.

## לֶערְן חוּמָשׁ רַשִׁ״י וֶועסְטוּ וִויסְן וואוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער וואוֹינְט

עֶס אִיז בַּאוְויסט אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע קִינְדֶער דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַארֶער רֶבִּי בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל, מִיט זַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער עֲצֵי חַיִּים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר יוּנְג, זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי נָאדְוֶוערְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן: קִינְדֶערְלֶעךְ - אִיז זָאלְט זִיךְ פִּילֶעוֶוען [אָנְשְׁטָאפְּן] מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ״י, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַסַאךְ גְדוֹלִים

וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קֵיין חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רכג): רַשִׁ״י אִיז אַזוֹי וִוי דִי בְּרוּדֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

## דִי גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת פוּן חוּמָשׁ רַשִׁ״י

אוֹיסֶערְדֶעם אִיז לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, צַדִיקִים הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ רֶמֶז דֶערוֹיף אַז עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה סְעִיף ב): וֶוער עֶס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם זָאל לֶערְנֶען אַלֶע רַשִׁ״י׳ס פוּן דִי סֶדְרָה; אוֹיבּ אַזוֹי אִיז דָאךְ עֶס אַ זִיכֶערֶע סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם. אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים (הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס מִקָארִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ) אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז

אֵיינֶער הָאט קַשְׁיוֹת אִין דִי אֱמוּנָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלָה צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, דָאס רֵיינִיגְט דִי נֶפֶשׁ, ווִי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער נְצִי"ב פוּן וַואלָאזְשִׁין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְחַבֵּר גֶעוֶועזְן דֶעם סֵפֶר "הַעְמֵק דָּבָר" - אַ פֵּרוּשׁ אוֹיף דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, דָאס אִיז צוּשְׁטַאנְד גֶעקוּמֶען דוּרְך זַיין שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, וָואס עֶר פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען, פַאר דִי בָּחוּרִים אִין דִי יְשִׁיבָה, וַוייל לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אִין דֶעם זְכוּת הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַזַא הֵיילִיג סֵפֶר.

## מִשְׁנַיוֹת

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת דָאס רֵיינִיגְט אִים אוֹיס פוּן אַלֶע גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת אִין וואוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן

רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיךְ אִיז מִשְׁנַיוֹת אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, "מִשְׁנָה" בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט ווִי "פַּרְנָסָה" (395), אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת הָאט מֶען פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

## גְמָרָא

וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג דָאס גֶעבְּט אַ חַיוֹת פַאר אַ מֶענְטְשׁ, און דָאס דַארְף מֶען גוּט גֶעדֶענְקֶען, "ווִילַאנְג מֶען בְּלֶעטֶערְט דִי גְמָרָא בְּלֶעטֶער וֶועט מֶען בְּלַייבְּן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד", חָלִילָה אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט אוֹיף דִי גְמָרָא אִיז מֶען זֵייעֶר אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד, חֲזַ"ל זָאגְן (עַיֵּין רַשִׁ"י דְבָרִים יא, יג) אִם תַּעַזְבֵנִי יוֹם יוֹמַיִם אֶעֶזְבֶךָּ - אַז דוּ לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה אֵיין טָאג, וֶועסְטוּ זַיין וַוייט פוּן דִי תּוֹרָה צְוֵויי טֶעג; גֶעבְּן חֲזַ"ל אַ מָשָׁל (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת דַף סח ע"א) פוּן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס טְרֶעפְן זִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנס, דֶערְנָאךְ גֵייט יֶעדֶער וַוייטֶער אוֹיף זַיין רִיכְטוּנְג אַ וֶועג

פוּן אֵיין טָאג, קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין וַוייט אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן צְוֵויי טֶעג, אוּן אַזוֹי יֶעדְן טָאג דָאפֶּעלְט זִיךְ עֶס; דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ כָאטְשׁ אוֹיפְמַאכְן דִי גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ עֶר זָאל נָאר לֶערְנֶען אַבִּיסְל, אָבֶער עֶר הָאט כָאטְשׁ גֶעבְּלֶעטֶערְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא בְּלֶעטֶער.

## דֶער שֵׁיינֶער שַׁ״ס אִיז אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר דִיר

זֶעעֶן זֶעהט מֶען וִוי דֶער שַׁ״ס [וָואס דֶער שְׁוֶוער הָאט גֶעקוֹיפְט צוּ דִי חֲתוּנָה...] קֶען לִיגְן אַזוֹי שֵׁיין אִינֶעם טְשֵׁיינֶע קְלַאזֶעט, אַז אֲפִילוּ נָאךְ צְוָואנְצִיג דְרַייסִיג יָאר זֶעהט דָאס אוֹיס שְׁפָּאגְל נֵיי, דֶעם לַייכְטֶער אוּן דֶעם בְּשָׂמִים בִּיקְסְל נֶעמְט מֶען כָאטְשׁ אַרוֹיס אֵיין מָאל אַ וָואךְ לְכָבוֹד שַׁבָּת, דֶעם אֶתְרוֹג פּוּשְׁקֶע כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ יָאר, אָבֶער דֶער שֵׁיינֶער שַׁ״ס לִיגְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אוּמְבַּארִירְט אַגַאנְץ יָאר, אֲפִילוּ עֶרֶב פֶּסַח דַארְף מֶען

עס נישט אַרויסנעמען אויסבּלאָזן װײַל עס קומט דאָרט נישט צו קײן חמץ... בּיז דערװײַל װערט טאָג און װערט נאַכט, נאָך אַ שבּת און נאָך אַ שבּת, נאָך אַ חודש און נאָך אַ חודש, און װילאַנג מען געבּט זיך אַ דרײ רעדט מען שױן װײַטער פון פאָרן ראש השנה צום הײליגן רבּי'ן, ניטאַמאָל האָט מען געכאַפּט װי די צײַט איז אַװעק געפלױגן.

## עפּעס אין האַנט

אָבער אַז מען מאכט זיך אַ קביעות צו לערנען יעדן טאָג אַ דף גמרא, מען מאכט זיך אַ שיעור אין שלחן ערוך אָדער אין קיצור שלחן ערוך כּדי מען זאָל װיסן װי אַזױ אַ איד דאַרף זיך פירן, דאָס זענען אוצרות װאָס דער מענטש האָט אין די האַנט, ער זעהט קלאָר אַז מען האָט אים נישט סתּם פאַרנאַרט מיט לופט זאַכן.

## פַּארְטוֹויש נִישְׁט פוּן עִקַּר צוּם טָפֵל

דָאס הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז דֶער עִקַּר אִיז תּוֹרָה, אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קֵיין תּוֹרָה אִיז אַלֶעס אַ מוֹרָא׳דִיגֶער דִּמְיוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עַיֵּן עָלִים לִתְרוּפָה בְּמִכְתָּבִים שֶׁל רַבֵּינוּ זַ״ל) פַּאר זַיין אֵיידֶעם: אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין בַּאלִיבְּטֶער אֵיידֶעם! דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן וִויפִיל בְּלֶעטֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ... אוּן וִויפִיל בְּלֶעטֶער גְּמָרָא... דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג. זֶעהט מֶען אַז לֶערְנֶען אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן גֶעוֶוען דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

## דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט תְּפִלָּה, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת - שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג, אוּן וִוילַאנְג אַ אִיד אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק

צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב הַאלְט עֶר אִין זִיךְ אִין דִי רַאמֶען פוּן אִידִישְׁקַייט, חָלִילָה וְחַס אַז מֶען הֵייבְּט אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, דָא פַארְפֶעלְט מֶען אַ מִנְחָה מִיטְן חֶשְׁבּוֹן אַז מֶען וֶועט שׁוֹין דַאוֶוענֶען בַּיי מַעֲרִיב צְוֵויי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה׳ס, אָדֶער מֶען פַארְפֶעלְט אַ מַעֲרִיב וַוייל מֶען וֶועט שׁוֹין דַאוֶוענֶען מָארְגְן בַּיי שַׁחֲרִית צְוֵויי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה׳ס, בַּיי שַׁחֲרִית הֵייבְּט מֶען אָן צוּ צִיפְּן פוּן אַלֶע זַייטְן, קָרְבָּנוֹת אַוַודַאי נִישְׁט, פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מַאכְט מֶען אַ חֶשְׁבּוֹן אַז עֶס אִיז פּוּנְקְט גֶענוּג אָנְצוּהֵייבְּן בַּיי בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אוּן גְלַייךְ דֶערְנָאךְ יִשְׁתַּבַּח, קְרִיאַת שְׁמַע, שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן שׁוֹין! נָאכְדֶעם בַּאשְׁלִיסְט עֶר שׁוֹין אַז שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אַלֵיין אִיז אוֹיךְ גֶענוּג... אוּן אַזוֹי זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפְּהִיטְן הֵייבְּט מֶען אָן אַוֶועקְצוּפַאלְן פוּן אִידִישְׁקַייט, מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ח), וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן (בְּרָכוֹת נד

ע״ב) אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז דִי מַחֲנֶה פוּן אִידְן אִיז אַ שְׁטְרֶעקֶע פוּן דְרֵיי פַּרְסָה, וֶועט עֶר אוֹיסְרַייסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָה אוּן דָאס אַרוֹיף וַוארְפְן אוֹיף זֵיי; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת וָואס אִידְן דַאוֶוענֶען אוּן אַזוֹי זֵיי קֶענֶען בַּייקוּמֶען, אָבֶער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט זַיין גְרוֹיסְן כֹּחַ הָאט אִים מַכְנִיעַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ זִיסְקַייט אִין דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אוּן אַזוֹי הָאט עוֹג גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מַפָּלָה.

## רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַלֵיין

וֶוער זָאגְט נָאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מֶען וֶוערְט גֶעוואוֹיר פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אֵייגֶענֶעם שְׁפְּרַאךְ,

דָאס אִיז דָאךְ אַ מַתָּנָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, מֶען קֶען אֵייבִּיג פָּשׁוּט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, לַיידֶער דְרֵייעֶן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אַרוּם פּוּסְט אוּן לֵיידִיג אוּן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן מִיט דִי צַייט... אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵיי אִינְגַאנְצְן, סְפֶּעצְיֶעל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט שׁוֹין אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן אוּן עֶר דֶערְזֶעהט זִיךְ עֶלֶענְד אַלֵיין, דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט צוּזַאמֶען מִיט אִים, דִי וַוייבּ אִיז שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט בְּזֶה הָעוֹלָם, פִּילְט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן לֵיידִיג אוּן צוּבְּרָאכְן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט פוּן קִינְדְוַוייז אָן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, פַּארְקֶערְט יֶעצְט רֶעדְט מֶען שׁוֹין נָאר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ה, כא): בֶּן תִּשְׁעִים לָשׁוּחַ - בַּיי דִי נַיינְצִיג יָאר קֶען מֶען שׁוֹין שְׁטֶענְדִיג שְׁמוּעֶסְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער. אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן.

## דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט

אָבֶער כְּדֵי צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מוּז מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב): בֶּאֱמֶת אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, וָואלְט עֶר אַוַודַאי גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר אַזוֹי וִוי דִי אֱמוּנָה אִיז נָאכְנִישְׁט שְׁטַארְק דֶערְפַאר רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

## קֵיינֶעם גֵייט נִישְׁט וִויאַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפְּלַאנְט

לַיידֶער פֶּעלְט נִישְׁט קֵיין צָרוֹת בַּיי אִידְן, קֵיינֶעם גֵייט נִישְׁט וִויאַזוֹי עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוּן וִויאַזוֹי עֶר

הָאט גֶע׳חָלוֹמ׳ט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע בִּיטֶערֶע שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער הָאט אָרִימְקַייט, דֶער הָאט חוֹבוֹת, דֶער הָאט צָרוֹת פוּן דִי קִינְדֶער, דֶער פְּלָאגְט זִיךְ מִיט שִׁידוּכִים, יֶעדֶער הָאט זַיין אֵייגֶענֶע פֶּעקְל צָרוֹת - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, וָואס דָאס דֶערְבִּיטֶערְט אִים זַייעֶר שְׁטַארְק זַיין הַארְץ, און דֶערְפַאר הָאט עֶר קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט שֻׁלְחָן עָרוּךְ - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - וֶוערְט דִי הַארְץ אוֹיסְגֶעגְרָאדְט, און מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קֵיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיכֶער דָא און עֶר פִירְט אַלֶעס מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן, און אַזוֹי קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וואו און וֶוען קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

עֶס מַאכְט זִיךְ אָבֶּער אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס אֲפִילוּ זֵיי וֵוייסְן שׁוֹין פוּן דֶעם סוֹד פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֵיינֶען זֵיי אַז כְּדֵי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן עֶרְגֶעץ אִין אַ פֶּעלְד אוּן נָאר דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער טָעוּת, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט מֶען זָאל אַגַאנְצֶן טָאג הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת, נָאר וִויבַּאלְד מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן זָאל מֶען כָאטְשׁ הָאבְּן אֵיין שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צו). שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְּרַאגֶע: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַגַאנְצֶן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת? אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דָאךְ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, עֶסְן, לֶערְנֶען, אַרְבֶּעטְן, זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן

קִינְדֶער, נָאךְ אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן וְכוּ׳, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הֵייסְט הָאבְּן אַגַאנְצֶע טָאג הִתְבּוֹדְדוּת?!

### רֶעדְן אַגַאנְצֶן טָאג צוּם בַּאשֶׁעפֶער

נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַזוֹי שְׁטַארְק לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער אַז שְׁטֶענְדִיג רֶעדְט עֶר מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף טוּהן שְׁמוּעֶסְט עֶר זִיךְ דוּרְךְ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אוּן עֶר זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, דַאנְקְט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר בֶּעהט שׁוֹין אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוֹיפְן גַאנְצְן טָאג, צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַז הַיינְט זָאל אִיךְ נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין לָשׁוֹן הָרַע, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן הַיינְט מִיט נִישְׁט כָּשֶׁר׳ע עֶסְן, נָאכְדֶעם גֵייעֶנְדִיג אִין מִקְוֶה אָדֶער אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, רֶעדְט עֶר וַוייטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען עֶר גֵייט אוֹיפְן גַאס רֶעדְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען עֶר וִויל

גֵיין עֶסְן בֶּעט עֶר: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! גֶעבּ מִיר צוּ עֶסְן (עַיֵין זֹהַר מִקֵּץ דַּף קצט ע״ב). אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט, וואוּ עֶר גֵייט, אוּן וָואס עֶר הָאט נָאר צוּ עֶרְלֶעדִיגְן דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג, רֶעדְט עֶר דָאס צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי רֶעדְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער בִּיז עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן אוּן עֶר שְׁלָאפְט אַיין, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר רֶעדְט אַגַאנְצֶן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אִינְצְוִוישְׁן דַאוֶונְט עֶר, אִינְצְוִוישְׁן אַרְבֶּעט עֶר, אִינְצְוִוישְׁן לֶערְנְט עֶר, דָאס הֵייסְט הָאבְּן אַגַאנְצֶן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט פוּן אוּנְז, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן אֵיידֶעלְקַייט, אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

## אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן

און אַזַא איד איז זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אַ אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין צָרוֹת, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה און מִיט תְּפִלָּה און לֶערְנְט זִיךְ זַיינֶע שִׁעוּרִים יֶעדְן טָאג אִיז זַיין לֶעבְּן אַסַאךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער וִוי אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ לֵיידִיג פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ ע"א): וֶוער עֶס פַּארְמָאגְט נִישְׁט אִין הַאנְט קֵיין מִקְרָא מִשְׁנָה און גְמָרָא - אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרִימַאן.

## וֶוער זֶענֶען מַיינֶע חֲבֵרִים?

אָבֶער צוּ דֶעם מוּז מֶען הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶענֶען זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּקִילְן דַיין אִידִישְׁקַייט, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועם דִי וַוייבּ חַבֶר'ט זִיךְ, דִי מִשְׁנָה זָאגְט (סוֹטָה דַף ז ע"א): "הַרְבֵּה

שְׁכֵנִים הָרָעִים עוֹשִׂים" - שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים און חֲבֵרִים קֶענֶען זֵייעֶר טוּישְׁן דִי לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְש (וְעַיֵין בָּרַמְבַּ"ם הִלְכוֹת דֵעוֹת פֶּרֶק ו, הֲלָכָה א). און דָאס אִיז אַ הוֹיפְּט יְסוֹד אִין אִידִישְׁקַיט.

## ג.

## ווִי הַאלְט דֶער זֵייגֶער?

יֶעצְט וֶועלְן מִיר אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי עֶס אִיז אַרִיבֶּער דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס לֶעבְּן: זוּנְטָאג וַיֵשֶׁב שְׁנַת תר"ה הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן זַיין לֶעצְטְן בְּרִיוו (עַיֵין עַלִים לִתְרוּפָה בְּסוֹף), דָארְט בֶּעהט עֶר אַז מֶען זָאל טְרָאגְן זַיין זֵייגֶער'ל פַאְרֶעכְטְן בַּיים זֵייגֶער-מַאכֶער, און שְׁטֵיין אוֹיף אִים אַז עֶר זָאל עֶס מַאכְן וָואס שְׁנֶעלֶער, וַוייל עֶר דַארְף עֶס זֵייעֶר ווִיכְטִיג.

## בְּרֶעכְן דִי אַייז פַאר אַ מִקְוֶה

אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וַיֵּשֶׁב דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג חֲנוּכָּה זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אַ צִיבּוּר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז מֶען גֶעקוּמֶען מִיט שְׁרֶעק דֶערְצֵיילְן פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער דַאךְ פוּן דִי מִקְוֶה אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, שְׁפֶּעטֶער אִיז מֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען זָאגְן אַז נָאר אַ חֵלֶק פוּנֶעם דַאךְ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נָאךְ יָא גֵיין טוֹבֵלְ'ן, הָאט רֶבִּי נָתָן דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ גֵיין זִיךְ טוֹבֵלְ'ן אִינֶעם טַייךְ! [שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר - רֶבִּי נָתָן הַאלְט צְוֵויי וָואכְן פַארְן הִסְתַּלְּקוּת, עֶר אִיז שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ פוּן דִי שְׁטַארְקֶע יְסוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן, אוּן אִינְדְרוֹיסְן אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶערֶע פְרֶעסְט, דָאךְ אִיז אַ מִקְוֶה גֶעוֶוען בַּיי אִים אַזוֹי חָשׁוּב אַז עֶר אִיז אֲפִילוּ גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ גֵיין

בְּרֶעכְן דִי אַייז און זִיךְ טוֹבֵל'ן אִינֶעם טַייךְ...], און עֶר הָאט גֶעדַאנְקֶט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוֶוען אַ פַיינֶע מִקְוֶה וואו דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט גֶעקֶענְט גֵיין (עַיֵּן כּוֹכְבֵי אוֹר, חֵלֶק אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן בְּסוֹפוֹ).

## אֵיינֶער אִיז גְרֶעסֶער פוּן מִיר

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים (עַיֵּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז' בְּסוֹפוֹ, מְיוּסָד עַל לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא), וַוייל גְלֵייבְּן אִין צַדִיקִים אִיז אַ יְסוֹד אִין אִידִישְׁקַיִט, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז גְרֶעסֶער פוּן מִיר, אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט מֶער פוּן מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז מֶען מַאכְט יֶעדְן אַוֶועק, קֶען מֶען זִיךְ נָאכְדֶעם אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּקַייקְלֶען פוּן אִידִישְׁקַייט, צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אִין שְׁטוּב אַ שַׁאֲלָה צוּ פְרֶעגְן, אוֹיב יֶעדֶער אִין דֶער וֶועלְט

איז בּיי דיר אָפּגעפּרעגט - וועם וועסטו פרעגן די שאלה? לאמיר אפילו זאגן דו ביסט א שטיקל תלמוד חכם און דו האסט געלערנט די הלכות, אָבער נישט אייביג קען מען זיך פארלאזן אויף וואס מען האט געלערנט, ווייל די נאטור פון א מענטש איז אז ער האט זיך זייער ליב, די אויגן קען אים פארנארן, ביז מען קען חלילה עובר זיין אויף הארבע עבירות וואס עס קומט זיך דערויף כרת רחמנא לצלן, דערפאר דארף א אינגערמאן וויסן אז ביי שאלות אין שטוב מוז מען יעדע מאל עקסטער פרעגן, מען קען זיך נישט פארלאזן אויף וואס דער דין האט גע׳פסק׳נט פאריגע מאל און זאגן אז דאס איז ענליך, און אוודאי קען מען זיך נישט פארלאזן אויף דעם אייגענעם שכל און בכלל נישט גיין צום רב אדער דין פרעגן.

## וֶוער הָאט גֶעקֶענְט טוישְׁן מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן?

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער לֶעבְּן פוּן אַ אִיד אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ גְלֵייבְּן אִין צַדִּיקִים אוּן חֲכָמִים, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים, אָפְּגֶערֶעדְט וִוי מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן קֵיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף אַ עֶרְלִיכְן אִיד, אַ צַדִיק וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַמָאל זֶעהט מֶען נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי עֶר לֶערְנְט אָדֶער עֶר דַאוֶוענְט, פַארְקֶערְט, פוּנְדְרוֹיסְן זֶעהט אוֹיס אַז עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן נִישְׁט צוּ וִויכְטִיגֶע זַאכְן וְכוּ׳, דָאךְ קֶענְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶר טוּט דֶעמָאלְטְס בֶּאֱמֶת אוּן וָואס זַיין כַּוָונָה אִיז מִיט דֶעם, נָאר פְּלוּצְלִינְג וֶועסְטוּ זֶעהן אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט מִיט דִיר גֶערֶעדְט דִי אַלֶע כְּלוֹמֶר׳שְׁט נִישְׁט

ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, הֵייבְּסְטוּ אָן צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶוענֶען... מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט מִיט דִיר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת אוּן אַרוּמְגֶערֶעדְט פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן וְכוּ׳, הָאט עֶר דִיר אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ דִי קְדוּשָׁה אוּן פְּלוּצְלִינְג לֶערְנְסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ, פְּלוּצְלִינְג הָאסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּ כַאפְּסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן וואוּ דָאס אִיז גֶעקוּמֶען, דֶערְפַאר אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן גֶעוֶוען דֶער עִקַר אֱמוּנַת חֲכָמִים (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קכג), אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּם צַדִּיק אוּן אַוֶועקְוַוארְפְן אִינְגַאנְצְן זַיין אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל.

## דִי טִיפֶע חָכְמָה פוּנֶעם פָּשׁוּטֶ׳ן אוֹיפְפִירוּנְג

דֶערְוַוייל אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי גַאנְצֶע וָואךְ פוּן פַּרְשַׁת מִקֵץ - חֲנוּכָּה, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעפִירְט חֲנוּכָּה מִיט אַזַא מִין דְבֵיקוּת וְכוּ׳, דָאךְ אָבֶּער מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס פַּשְׁטוּת, אָבֶּער ווִיפִיל חָכְמָה עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין

די פַּשְׁטוּת קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, וֶוער עֶס לֶערְנְט לִקּוּטֵי הַלָכוֹת, סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דִי גְרוֹיסֶע שְׁמוּעֶסְן ווִי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט פָּשׁוּט אוּן עֶר חַזֶר'ט אִיבֶּער זַיינֶע וֶוערְטֶער, דַאכְט זִיךְ אִים אַז לִקּוּטֵי הַלָכוֹת אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן בַּאֲרִיכוּת, דֶער אֶמֶת אִיז אָבֶּער אַז לִקּוּטֵי הַלָכוֹת אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיסְטֶערְלִישׁ קוּרְץ, בַּיי יֶעדְן אוֹת קֶען מֶען אַסַאךְ מֶער דֶערְבְּרֵייטֶערְן, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶועְן אַזוֹי פַארְיָאגְט אַז עֶר הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן מוֹרָא'דִיג שְׁנֶעל אוּן קוּרְץ, נָאר וִוייבַּאלְד עֶר הָאט גֶעהַאט דִי חָכְמָה צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף זַייעֶר אַ פָּשׁוּטֶ'ע שְׁפְּרַאךְ קֶען זִיךְ אַמָאל דַאכְטְן אַז עֶר אִיז מַאֲרִיךְ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת קֶען מֶען נָאךְ אַסַאךְ מֶער מַרְחִיב זַיין יֶעדֶע עִנְיָן.

## אֵיין וָואךְ פַאר דִי פְּטִירָה

פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס פַּרְשַׁת מִקֵּץ אַ וָואךְ פַארְן הִסְתַּלְקוּת הָאט עֶר אוֹיךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרָה

(חָדֵי רֶבִּי שִׁמְעוֹן - לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא) וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן "אַחְדוּת" (עַיֵּין שָׁם מֵאוֹת ו' וְאֵלֵךְ), אוּן עֶר הָאט דָאס צוּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ דִי מְנוֹרָה וָואס הָאט שַׁיְכוּת מִיט חֲנוּכָּה.

## וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען צַאמְבְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן?

אִין דִי תּוֹרָה גֶעפוּנֶען מִיר אַז דִי מְנוֹרָה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן פַארְן מִשְׁכָּן אִיז בַּאשְׁטַאנֶען פוּן נֵיין אוּן פֶערְצִיג חֲלָקִים (עַיֵּין רַשִׁ"י שְׁמוֹת כה, לה), אָבֶער אַלֶעס הָאט גֶעמוּזְט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהַאקְט פוּן אֵיין שְׁטִיקְל גָאלְד, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט מַאכְן עֶקְסְטֶער דִי בֶּעכֶערְס דִי קְנָאפְּן דִי בְּלוּמֶען וְכוּ' אוּן נָאכְדֶעם יֶעדֶע זַאךְ אַרֵיינְשְׁמֶעלְצֶן אוֹיף זַיין פְּלַאץ, נֵיין! מֶען הָאט פוּן דֶעם אֵיין שְׁטִיק גָאלְד אַלֶעס גְלַייךְ גֶעמוּזְט אוֹיסְשְׁנִיצֶען (שְׁמוֹת כה, לא). מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין: וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען פוּן

אֵיין שְׁטִיק גָאלְד מַאכְן אַ מְנוֹרָה פוּן אַזוֹיפִיל מִינֵי חֲלָקִים? - דָאס אִיז פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין (מְנָחוֹת כט ע״א). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען, דִי נֵיין פֶערְצִיג שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה וַוייזְן אוֹיף אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, וָואס זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אִיז אוֹיךְ פוּנְקְטְלִיךְ נֵיין אוּן פֶערְצִיג אוֹתִיּוֹת: רְאוּבֵן שִׁמְעוֹן לֵוִי יְהוּדָה יִשָּׂשכָר זְבוּלֻן דָן נַפְתָּלִי גָּד אָשֵׁר יוֹסֵף בִּנְיָמִין. דָאס הָאט זִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט: ווִי קֶען מֶען בַּאוַוייזְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, כָאטְשִׁיג יֶעדֶער הָאט אַן אַנְדֶערְן שֵׁבֶט, אוּן אַן אַנְדֶערֶע שְׁנִיט, דָאךְ זָאל עֶר גֶעדֶענְקֶן אַז אַלֶע קוּמֶען אַרוֹיס פוּנֶעם זֶעלְבְּן שְׁטַאם, פוּנֶעם זֶעלְבְּן טַאטְן יַעֲקֹב, אוּן מֶען קֶען זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען...! דָאס צוּ בַּאוַוייזְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

## "אַחְדוּת" דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

מִיר גֶעפוּנֶען וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דִי קִינְדֶער, הָאט עֶר זֵיי חוֹשֵׁד גֶעוֶוען, וֶוער וֵוייסְט צוּ יֶעדֶער הַאלְט זִיךְ נָאךְ שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה צח, ג), הָאבְּן זֵיי אַלֶע גְלַייךְ גֶעזָאגְט: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הֶער צוּ טַאטֶע יִשְׂרָאֵל [יַעֲקֹב], פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דוּ גְלֵייבְּסְט מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי זֶענֶען מִיר אַלֶע קִינְדֶער אוֹיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה; הַוַיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הַוַיָ"ה אֶחָד - דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אוּנזֶער אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אֵייבִּיג. וִוי נָאר עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט: בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד; וָואס דָאס אִיךְ אוֹיךְ פּוּנְקְטְלִיךְ נַיין אוּן פֶערְצִיג אוֹתִיּוֹת, וַוייל אַז מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אוֹיסֶער אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

## אַנְטְלוֹיף פוּן אַזֶעלֶעכֶע מִצְוֹת

פַארְקֶערְט אוֹיךְ, מַחֲלוֹקֶת בְּרֶענְגְט צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, דֶערְפַאר וואוּ דוּ זֶעהסְט אַ מַחֲלוֹקֶת אַנְטְלוֹיף גְלַייךְ פוּן דָארְט, אוּן אַווַדַאי מִיש זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין יֶעדֶע מַחֲלוֹקֶת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, רֶעד דִיךְ נִישְׁט אַיין אַז דוּ טוּסְט אַ מִצְוָה מִיט מַחֲלוֹקֶת... לָאמִיר זֶעהן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אַ שְׁטֶערְבְּלִיךְ קְרַאנְקְן מֶענְטְש וָואס אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אַ גוֹסֵס, אִים דֶערְצֵיילְן אַ פֶּעטְן שְׁטִיקְל לָשׁוֹן הָרַע... וָואס וֶועט עֶר עֶנְטְפֶערְן?! טוּ מִיר אַ טוֹבָה פַארְדְרֵיי מִיר נִישְׁט דֶעם קָאפּ! דוּ זֶעהסְט נִישְׁט קוֹים וָואס אִיךְ אָטֶעם? - אִיךְ זֶעה שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן עֶס אִינְטֶערְסִירְט מִיר נִישְׁט קֵיינֶעם.

## אוּן אַז עֶר הַאלְט אַנְדֶערְש - וָואס אִיז?

הָאט רֶבִּי נָתָן דֶעם לֶעצְטְן פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְעט וִוי אִידְן דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת,

כָאטְשִׁיג יֶעדֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע שֵׂכֶל אוּן אַן אַנְדֶערֶע פַארְשְׁטַאנְד דָאךְ דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן צוּלִיבּ דֶעם, פַארְקֶערְט דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אַז כָאטְשִׁיג יֶעדְן צִיהט צוּ אן אַנְדֶערְן וֶועג, דָאךְ הַאלְט מֶען זִיךְ צוּזַאמֶען וַוייל מִיר אַלֶע גְלֵייבְּן אִין אֵיין בַּאשֶׁעפֶער.

**דֶער חָלוֹם: אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי!**

נָאךְ דִי תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ טֶענְצְל, דֶערְנָאךְ וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ חָלוֹם מִיטְן רֶבִּי'ן, וִוי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר וִויל לֶערְנֶען מִיט אִים דֶעם סֵפֶר הַנִּשְׂרָף, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי! [פוּן דֶעם הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר דַארְף אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט].

## לִפְנֵי מִי אַתָּה נִכְנָס? לְמָקוֹם אֵשׁ לַהֲבַת...

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְצוּזָאגְן דִי נוּסַח פוּן דִי עֲבוֹדָה פוּנֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל וָואס מֶען זָאגְט יוֹם כִּיפּוּר, עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין: רְאֵה לִפְנֵי מִי אַתָּה נִכְנָס לְמָקוֹם אֵשׁ לַהֲבַת שַׁלְהֶבֶת... זְהָבִים מַעֲבִיר וּלְבָנִים לוֹבֵשׁ שֶׁעֲבוֹדַת הַיּוֹם בְּבִגְדֵי לָבָן... נִכְנַס לְמָקוֹם שֶׁנִכְנַס וְעָמַד בְּמָקוֹם שֶׁעָמַד... אוּן מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס עֶר וֵויינְט אַזוֹי.

## יָא! פַאר דִיר אִיז אוֹיךְ דָא גוּטֶע עֵצוֹת

שַׁבָּת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן אָפֶען אַז מֶען וֶועט זַיין אַ מֵת אוּן אַ גוֹסֵס, אוּן מֶען וֶועט מוּזְן לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן פַּרְשַׁת מִקֵּץ, וַוייטֶער אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא), אַז מֶען זָאל זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים וָואס דַאן הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג

ריכטיגע עצות ווי אזוי זיך אומצוגיין אין לעבן, אויך האט ער געערדט די גרויסקייט פון דרוקן די ספרים פונעם צדיק, וואס דורך די ספרים קען מען זיך שטענדיג צובינדן צום צדיק, און דער צדיק בלייבט צווישן אונז.

## דער עקר מען זאל זיך האלטן אין רבי'ן

די לעצטע וואך פרשת ויגש האט ער נאך אראפגעשריבן חידושי תורה אויף די משנה (מועד קטן א, א) "משקין בית השלחין במועד"; דערנאך האט ער געזאגט פאר איינעם: אפילו מען זאל זיין דער ערגסטער בעל עברה, דער עקר מען זאל זיך האלטן אין רבי'ן, וועט מען בוודאי תשובה טוהן און מען וועט האבן א תיקון.

## דְרִיקְן דִי סְפָרִים און פַארְפְלֵייצְן דִי סְפָרִים

מִיטְוָואך - צְוֵויי טֶעג פַארְן הִסְתַּלְקוּת, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז דֶער עִקַר זָאל מֶען זֶעהן צוּ דְרִיקְן דִי סְפָרִים און צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים; פְרַייטָאג פַארְטָאגְס עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, דֶעם לֶעצְטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְן, הָאט עֶר נָאכְמָאל גֶערֶעדְט דִי וִויכְטִיגְקַייט פוּן דְרִיקְן און צוּשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים, הָאט עֶר דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק, און טְרֵייף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא טוֹיזֶענְטֶער און צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער טְרֵייף-פָּסוּל, נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג; נוּ, זָאג אִיךְ אַייךְ אָן: ״אֵייעֶר אַרְבֶּעט זָאל זַיין - אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, סְ׳זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ

חוּצָה"...! אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט רָצוֹן! מִיט טִרְחָא! און מִיט גֶעלְט!!!

## אַלֶעס גוּטְס – וָואס מֵיינְט דָאס?

צוּפְרִי הָאט עֶר אָנְגֶעטוּהן טַלִּית וּתְפִלִּין, גֶעדַאוֶונְט און גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, כָאטְשִׁיג עֶר אִיז שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ און עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען דָאס רֶעדְן, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אִינֶעם גְרוֹיסְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ און גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיפְן שַׁ"ךְ, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין תַּלְמִיד נַחְמָן עוֹזֵר, עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען "כָּל טוּב", הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר ווִיל, הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען עֶר זָאל אִים גֶעבְּן דֶעם תַּנַ"ךְ, וָואס דָאס אִיז אַלֶעס גוּטְס.

## שַׁבָּת'דִיגֶע עֶסְן

שְׁפֶּעטֶער אִין טָאג הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען פוּן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע עֶסְן, עֶר וִויל עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן, אָבֶּער עֶר הָאט קוֹים גֶעקֶענְט עֶסְן אַ כְּזַיִת מִיט אַבִּיסְל זוּפּ אוּן אַבִּיסְל צִימֶעס, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בֶּענְטְשְׁן אוֹיפְן בֶּעט דֶערְנֶעבְן, בַּיים בֶּענְטְשְׁן הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט "הָרַחֲמָן הוּא יַמְשִׁיךְ עָלַי קְדוּשַׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף מִיר דִי קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

## אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזוֹיפִיל צוּ שְׁרַייבְּן...

נָאנְט פַאר שַׁבָּת הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי שַׁבָּת לֶעכְט, וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי לֶעכְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: נֵר שַׁבָּת נֵר חַנוּכָּה אוּן נֵר יוֹם טוֹב אִיז אַלֶעס אֵיין זַאךְ; אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: אִיךְ

הָאבּ נָאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אַזוֹיפִיל הֲלָכוֹת וֶועגְן דִי לֶעכְט, נָאר אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיין כֹּחַ.

## "חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ"

נָאכְדֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶונֶען מִנְחָה אוּן מֶען הָאט גֶעהֶערְט ווִי עֶר חַזֶר'ט אַסַאךְ מָאל אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער "חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ", "חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ"; פוּן חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפָארְן אִינֶעם נוּסַח פוּן תְּפִלַּת שַׁבָּת [עֶר אִיז שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְשְׁלַאפְט], עֶר הָאט גֶעזָאגְט אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ רְצֵה נָא בִמְנוּחָתֵנוּ... מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת; דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל וְגוֹ', אוּן זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיס בַּיי אֶחָד...!

## נָאךְ אֵיין נַאכְט אוֹיף דִי וֶועלְט

אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן, אַז בְּאֶמֶת וָואלְט מֶען אִים נָאךְ גֶעקֶענְט בַּאעֶרְדִיגְן עֶרֶב שַׁבָּת [וִוי גְרוֹיס אִיז שׁוֹין דִי שְׁטֶעטְל בְּרֶסְלֶב? אוּן וִוי וַוייט אִיז שׁוֹין בִּיזְן בֵּית הַחַיִּים?], אוּן גֶעוֶוענְדְלִיך אִיז מֶען בַּיי אוּנְז זֵייעֶר מַקְפִּיד גְלַייךְ צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, נָאר וִויבַּאלְד רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַמָאל אַרוֹיסְגֶעדֶערְט אַז עֶר וִויל בְּלַייבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאךְ אֵיין נַאכְט! עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעוָואלְט אַבִּיסְל מְיַישֵׁב זַיין פַּאר מֶען בַּאעֶרְדִיגְט אִים... נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעצִינְדְן דִי שַׁבָּת לֶעכְט [לוֹיטְן מִנְהָג פוּנֶעם רֶבִּי'ן צוּ צִינְדְן פְּרִיעֶר דִי לֶעכְט], דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים גֶעלָאזְט אִיבֶּער שַׁבָּת אִין זַיין צִימֶער אוֹיף דֶער עֶרְד, אִינֶעם אַנְדֶערְן צִימֶער הָאט מֶען גֶעדַאוֶוענְט אַגַאנְץ שַׁבָּת.

## פַארְוָואס הָאבְּן מִיר גֶע׳רוֹדְפְּ׳ט דֶעם אִיד?

מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ רִיזִיגֶע לְוַיָה, ווִי דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט מֶענֶער פְּרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער - אֲפִילוּ אַלֶע זַיינֶע מִתְנַגְדִים - זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִים בַּאגְלֵייטְן, אוּן אַלֶע הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, מֶען הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: פַּארְוָואס הָאבְּן מִיר גֶע׳רוֹדְפְּ׳ט דֶעם אִיד? וָואס הָאט עֶר אוּנְז דֶען שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן? פַּארְוָואס אִיז אִים גֶעקוּמֶען אַז מֶען זָאל אִים אַזוֹי פַּיינִיגְן אוּן נִישְׁט לָאזְן מְנוּחָה?

## קוּמְט אִים אַזוֹי אוֹיסְצוּפַּיינִיגֶען?

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין בַּיים לֶעבְּן, יֶעדֶער הָאט אוֹיף אִים גֶערֶעדְט אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס, גֶעמַאכְט פוּן אִים דִי גְרֶעסְטֶע גֶעשְׁפֶּעט אוּן לֵיצָנוּת, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אַוֶועק הָאט

מֶען זִיךְ גֶעכַאפְּט וִוי שְׁטַארְק מֶען הָאט זִיךְ בַּאנַארִישְׁט, צוּ רוֹדְפְ׳ן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהַאט צוּטוּהן, פַארְקֶערְט עֶר הָאט נָאר גֶעהָאלְפְֿן יֶעדְן אִיד, אוּן בְּלוֹיז וַוייל עֶר אִיז מְפַרְסֵם זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קוּמְט אִים אַזוֹי אוֹיסְצוּפַיינִיגֶען אוּן אַזוֹי צוּ בַּארֶעדְן? וָואס הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט פוּן אִים?!

## גֶעקֶענְט זַיין אַזַא רֶבִּי וִוי דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב!

אַמָאל אַלְץ יוּנְג בָּחוּר פוּן נַיינְצְן יָאר וֶועלֶענְדִיג אַריינְגֵיין אִין דִי מִקְוֶה בִּשְׁכֵנוּת פוּן מַיין טַאטֶען זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, הֶער אִיךְ אַרוֹיס גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן אוּנְטֶערְן טִיר, לֵייג אִיךְ צוּ דִי אוֹיעֶרְן אוּן אִיךְ הֶער וִוי דֶער וואוֹדִיסְלָאבֶ׳ער רָב [הרה״צ רֶבִּי יִשָׂכָר בֶּער הַלֵוִי רָאטֶענְבֶּערְג זצוק״ל, פוּן דִי גְרוֹיסֶע אָנְגֶענוּמֶענֶע רַבָּנִים אִין נְיוּ יָארְק] שְׁרֵייט אָן אַ אִיד, זֶעהט אוֹיס אַז יֶענֶער

הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן, הָאט עֶר אִים שְׁטַארְק בַּאשְׁרִיגְן: אִיר וֵוייסְט וֶוער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען? אִיר מֵיינְט אַז וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶערוּפְן "רֶבִּי נָתָן" קֶען מֶען מְזַלְזֵל זַיין אִין אִים? רֶבִּי נָתָן וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין אַזַא רֶבִּי וִוי אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אִין יֶענֶע צַייטְן, וִוי לְמָשָׁל דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע צַדִיקִים פוּן דֶעמָאלְטְס... נָאר רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זַיין נָאמֶען אוּן אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן זַיין רֶבִּי'סְטֶעוֶוע, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט זַיין אַ תַּלְמִיד פוּן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶער פַאר זִיךְ אַלֵיין וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט זַיין אֵיינֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע בַּאקַאנְטֶע צַדִיקִים...!

## נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ

דֶערְפַאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן אוּן אַזַא תַּלְמִיד, דַארְפְן מִיר

זִיךְ מוֹרָא׳דִיג מְחַיֶה זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אָפְּגֶערֶעדְט ווִי מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלוֹקֶת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קמט) אַז דִי מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז דָא פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוֹיף דִי צַדִיקִים - דִי עֶרְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר אִידְן, דָאס קוּמְט פוּן מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אִינֶעוֵוייְנִיג צְווִישְׁן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען טוּהן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט מְחַיֶה זַיין נָאךְ אַ אִיד.

## מַאכְן פְרֵיילִיךְ אִידְן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה

דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַב בְּרוֹקָא הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא פְלֶעגְט אַסַאךְ זַיין בַּיי אִים, פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא (תַּעֲנִית דַּף כב ע״א) אַז אַמָאל הָאט עֶר שְׁפַּאצִירְט

מִיט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִין דִי מַארְק פוּן דִי שְׁטָאט לֶפֶּט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט צוּ עֶס אִיז דָא פַארְהַאן אֵיינֶער וָואס אִיז אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא? זָאגְט עֶר: נֵיין! פְּלוּצְלִינְג זֶעהט עֶר צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען פוּן דֶערְוַוייטֶענְס רוּפְט זִיךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אָן: דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא! רַב בְּרוֹקָא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נַייגֶערִיג וֶוער זֶענֶען דִי צְוֵויי וָואס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאגְט אוֹיף זֵיי עֵדוּת אַז זֵיי הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא? אִיז עֶר גֶעלָאפְּן זֵיי פְרֶעגְן: וֶוער זֶענְט אִיר אוּן וָואס אִיז אֵייעֶר אַרְבֶּעט? הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט, זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז אַז וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ טְרוֹיעֶרִיגְן מֶענְטְש מַאכְן זֵיי אִים פְרֵיילִיךְ, אָדֶער וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ פְּרוּבִּירְן זֵיי אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אַז עֶס זָאל וֶוערְן שָׁלוֹם. זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אִידְן אוּן מַאכְן שָׁלוֹם בַּיי אִידְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד קֶען נָאר טוּהן.

זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צַאמְצוּהַאלְטְן אוּן צוּזַאמֶען מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

~תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**